STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11719

A SHPATSIR IN ""KIRIAT SHMUEL""

A. Ts. Brezin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

(איך האב ליעב אברהם אבינו
איך האב ליעב זיין ווייניג «גיענדערט'ן»
אייניקעל דעם «אלטען ישוב».)

א׳ צ׳ ברעזין

אשפאציער
אין
„קרית שמואל"

ירושלים — תרפ"ט

די אויסגאבע אין אידיש
ספעציעל פאר אויסלאנד

דפוס י׳ א׳ ווייס
ירושלם רח׳ סט׳ פאול

פרייז
10
סענט

נאכ'דרוקען
איבערזעטצ'ן
פערבאטען

אין זכרון פון מיין מוטער

רחל־גיטע ז״ל

בת הרב הגאון

ר׳ יוסף אייזיק זצ״ל

ער״ח אלול תרפ״ב׳ באטום (קאווקאז)

אויפ׳ן וועג נאך ארץ־ישראל.

ס׳איז שוין געווען 2 נאך־מיטאג, ווען מיר האבען זיך ארויסגעלאזען אנקוקען די נייע שטעדטעל ארום ירושלים וועלכע הייבט זיך אן צו בויען.

דורכגייענדיג די ירושלים׳דיגע צענטראל יפו׳ער גאס זענען מיר אריבער אויף בן־יהודה גאס, צוגעגאנגען צו די קונסט־שוהלע „בצלאל״ און באלד זענען מיר ארויס אויפ׳ן פרייען פעלד, פארבייגייענדיג די פרומע שטעדטעלע „שערי חסד״, די נייע „כנסת ישראל״ זענען מיר געגאנגען ווייטער מיט דעם וועג, וועלכער פיהרט אין די נייע „קרית שמואל״, זעהענדיג פאר אונזערע אויגען די צושפרייטע שטעדטעלאך ארום ירושלים: תלפיות, מקור חיים, בית וגן, רחביה, מאנטיפיורי, גבעת שאול און נאך און נאך, וועלכע האבען פערהאפט די ווילדע פערלאזענע „יהודה־בערג״ און איבערגיקעהרט זיי אין בליהענדע יודישע ישובים.

באַרוד! באַרוד! באַרוד!

האבען מיר מיט אמאל דערהערט שרייענדיג ווילדע קולות זעהענדיג איבער׳ן פרייען פעלד ליפענדיג מענטשען.

שטעהט! האט זיך אנגערופען צו מיר מיין וועג ווייזער. שטעהט! „באַרוד״ דאס הייסט מען שיסט, היט זיך.

מען רייסט די ווילדע שטיינער מיט דינאמיט פון די פלעצער, וואו מען שטעלט זיך טאקע בויען די נייע שטעדטעל.

געבליעבען זענען מיר שטעהן, זעהענדיג באלד ארויך פון דער ערד, עפעס האט זיך גערדאכט, אז ס'איז ארויך פון אוואולקאן, אדער ווי דער „סמבטיון" האט זיך איבערגעקליבען אהער צווישען די בערג פון „יהודה".

ער רייכערט, ער כעס'ט און מיט פארביטערונג ווארפט ער זיך מיט שטיינער אויף יעדען יודישען דורכגייער פאר זיין ניט קומען באזעטצ'ן די פוסטע ערד.

און מיט אמאל האבען מיר דערהערט אמורא'דיג'ן אויפרייס דערזעהן שטיינער פליהענדיג מיט גרויס אימפעט ביז הימעל אריין פאלענדיג אין פערשיידענע זייטען פון דעם ארומיגען שטח ערד.

מיר קענען געהן—האט זיך אפגערופען צו מיר מיין וועג ווייזער.

מיר געהן ווייטער איבער טאלען און קליינע בערגלאך.

—איהר זעהט דעם נייען־שאסיי? דאס איז ער,—זאגט ער צו מיר, דאס איז ער, פון די נייע שטעדטעלע, ערשט די טעג גיענדיגט און אט זענען מיר שוין ארופגעטראטען אויף איהם.

מיר געהן, פון איין זייט אבערגעל, וועלכער געהט אל'ס העכער און העכער. פון די צווייטע זייט אטאל, וועלכער געהט אל'ס נידעריגער און נידעריגער.

שטיינער, גראז און ביימער. גראז און שטיינער. אט דאכט זיך, אז איונגע פייגען־ביימעלע שפראצט ארויס פון א אלטען

פערוואקסענעם גרויסען שטיין און ס'הערט זיך איהם ריידענדיג צו די יונגע ביימעלע.

„איך בין שוין אלט, אלט". אינגאנצ'ן דורכ־געגעצט און צוגעסען פין מיינע שונאים די רעגענס, וועלכע פארקירצען מיינע יאהר'ן.

איך האב זיך צוגערוקט נעהענטער צום אלטען שטיין, וועלענדיג זיך בעסער איינהערען זיין שמועס צו די יונגע ביימעלע.

—„איך האב נאך גיקענט לעבען", (הער איך איהם ווייטער טענה'דיג) איך האב נאך גיקענט לעבען פון מיינע שונאים די רעגענס, נור אט זענען אויפגעשטאנען אגרופע יודען פון אלטען ישוב, דוקא יודען מיט פאות, יודען אין לאנגע קאפאטען מיט שבת'דיגע שטריימלאך און טויטען אונז אונ־רחמנות'דיג—שיסען און פערניכטען אונז מיט דינאמיט.

יעדע מינוט הער איך שיסענדיג מיינע אלטע איינגע־לעבטע חברים, איך הער און ס'ציטערט מיר מיין הארץ—ווער ווייס? אויב מיין לעבען איז נישט אויף מינוטען—און צוחליפעט האט זיך דער אלטער שטיין:

איך בעט דיר, מיין קינד, דו יונג ביימעלע, ס'וועלען איבערלייפען טעג און יאהרען, דו וועסט אויסוואקסען, דו וועסט ווערען שעהן און ברייט, מענטש'ן וועלען קומען, מ'וועט ניט דערקענען דעם פלאץ. איך בעט דיר, דו זאלסט זיך חאטש ניט שעמען מיט דיין יחוס, דו זאלסט אלעמען דערציילען אז דיין טאטע איז געווען אווילדער שטיין, נור ער איז, נעבאך, פריהצייטיג אוועק פון די וועלט דורך אגרופע יודען פון

אלטען ישוב, וועלכע האבען בעשלאסען מיט כח פון דינאמיט זיך באזעטצ'ן אויף מיין פלאץ.

און מיט אמאל זענען צוגעלאפען צו אונז עטליכע יודישע ארבייטער ווי „באוואפענטע סאלדאטען" מיט'ן גאנצ'ן דינאמיט קלאפער־געצייג.

— געהט אוועק פון דאנעט! האבען זיי צו אונז אויסגעשריען:

געהט אוועק! מען וועט דא באלד שיסען.

מיר געהן ווייטער איבער דעם שאסיי־וועג, מיר זעהן די זעלבע צושפרייטע שטעדטעלאך ארום ירושלים, וועלכע קוקען זיך אזוי פריינדליך, אזוי ליעבלאך אויף די נייע שטעדטעלע, אויף זייער שוועסטער'ל „קרית שמואל", וועלכע איז געקומען צווישען די פוסטע „יהודה־בערג" פארגרעסער'ן די יודישע משפחה.

באדוד! באדוד! באדוד!

האבען מיר ווייטער דערהערט שרייענדיג ווילדע קולות, זעהענדיג די יודישע ארבייטער לייפענדיג אהן אזויט.

אט איז ארויך פון דעם פלאץ, וואו מיר זענען ניט לאנג געשטאנען. מיט אמאל אאופריים — און דערזעהן האבען מיר שטיינער פליהענדיג אין דער הויך, צופאלענדיגזיך אין פערשיידענע זייטען.

„געפאלען איז דער אלטער שטיין" האב איך זיך געטראכט — נו, ברוך דיין אמת; האב איך אזאג געטהון; שוין צייט, „אזקן" גיוועז, געקומען איז די צייט,

וואס אויף זיין פלאץ זאל אויפבליה'ן און ענטוויקלען זיך די „פייגענביימעלע", אונטער וועלכע ס'וועט אין גיצהיילטע יאהר'ן ארום זיך זיטצען אירושלים'דיגער תלמיד־חכם און לערנען.

פארוואס הייסט עפעס די שטעדטעלע אונטער'ן נאמען „ק ר י ת ש מ ו א ל"? האב איך גיפרעגט מיין וועג ווייזער

דאס איז אין כבוד און זכרון פון דעם גרויסען, גרויסען פארשטארבענעם וועלט־גאון רבי שמואל סאלאנט זצ"ל.

און גענומען דערציילען האט ער פרטים איבער דעם גרויסען גאון זצ"ל.

געקומען איז ער אין ירושלים מיט 113 יאהר צוריק—פון די ערשטע ערשטע חלוצים. 70 יאהר בערך איז ער גיווען רב אין ירושלים.

אל'ם דאנק און צייכען פאר זיין געזעלשאפטליכע טהעטיגקייט צו זיין 90 יאהריגען געבורטסטאג, האט דער ועד הכללי רמבעה"ן אנשטאלט גיעפענט אין ירושלים אויף זיין נאמען דעם גמילות חסד „אוצר החסד".

אין דעם עלטער פון 93 יאהר איז ער נפטר געווארען, שוין 20 יאהר ווי ער איז טויט.

צו ווייסט איהר, ווער ער איז גיווען? האט מיר ווייטער געזאגט, מיין וועג ווייזער.

אין די דורות איז אונמעגליך צו באגעגענען אזא הייסען יודען, אזא פאייערדיג'ן נאציאנאליסט—ער האט אפגעלעבט זיין לעבען אין נויט, אין דחקות, אין אפינסטער'ן צימער פון די חורבה־שוהל—געריסען מיט זיינע אייגענע הענד די ווילדע שטיינער פון בויען די ערשטע הייזער, געקליבען פרוטות, פון וועלכע ער האב געבויט די ערשטע שטעדטלאך אין ירושלים.

גיזעהן האט דער גרויסער גאון רבי שמואל סאלאנט זצ"ל, אז ס'וועלען אנקומען שווערע טעג אין דעם לעבען פון אלטען ישוב, אין דעם לעבען פון ירושלים'דיגע תלמידי־חכמים, ישיבה־לייט, וועלכע וועלען פירען אצו־געמאטערט לעבען אויף די „חלוקה־שטיצע".

געהולמט און געארבייט האט ער לאנג וועגען שאפען אזא באנק־אנשטאלט, וועלכער זאל העלפען באזעטצ׳ן די תלמידי חכמים אויף די פוסטע בערג פון „יהודה“.

און אט אין יאהר׳ן יאהר׳ן ארום נאך דעם טויט פון גרויסען וועלט־גאון פיהרט דורך דער „אוצר החסד“ זיין אלטען שעהנעם רעיון.

„זעהר אוויכטיגער אנשטאלט איז דער אוצר החסד קרן שמואל — זאגט צו מיר מיין וועג־ווייזער — ער העלפט נישט נור דעם יודען פון אלטען ישוב מיט אהלוואה, נישט נור דעם ישיבה־מאן און תלמיד־חכם, בשעת ער נייטיגט זיך אין דעם מ׳קען זאגען, אז ער טהוט פאר די נייע אנגעקומענע מעהר ווי פאר די אלטע.

כסדר עס באקומען הלוואות קליין סוחרים אויף האנדעל, בעלי־מלאכה׳ס אויף איינשאפען זיך ווערק־צייג — און סתם נייע יודען, וועלכע ווילען וואס נעמען טהון אנקומענדיג אין לאנד.

אט, למשל, האט איזד טאקע מיינער אשכן געליען אהלוואה פון 10 פונט (50 דאלאר) גיקייפט זיך עטליכע אייזעלאך, פיהרט זיך זאמד שטיינער צו די הייזער, וועלכע מען בויט און דער איד, זאג איך אייך, מאכט אפיינעם לעבען. און פארגעסט נישט, אז דער „אוצר החסד“ נעמט נישט קיין פראצענט און מאכט נישט קיין שוועריגקייטען אין ארויסגעב׳ן אהלוואה ווי אנדערע בייגקלאך, ער טראגט פארט דעם נאמען פון רבי שמואל סאלאנט זצ״ל.

נו, און וועלכע פרטים קענט איהר מיר איבערגעבען פון די נייע שטעדטעלע? וועלכע מיר זעהן דא, האב איך גיפרעגט מיין וועג־ווייזער.

די פרטים זענען פשוט׳ע. דער „אוצר החסד" קרן שמואל העלפט זיך באזעצען 124 פאמיליעס פון אלטען ישוב, אויף דעם באדען.

מ׳האט אפגיקייפט דעם גאנצן שטח ערד, איהר זעהט? ארום און ארום. דא איז פאראן 90.000 פיק ערד (נייענציג טויזענד פיק) איינגיטהיילט אין 130 בוי־פלעצער, פון וועלכע 6 פלעצער זענען „קהל׳שע" למשל, אויף בויען א בית־מדרש, להבדיל אבית מרחץ—אמארק, א. ז. וו.

נו, און אפוטבאל פלאץ?... האב איך אפרעג געטהון מיט אשמייכעל.

„אפוטבאל־פלאץ"? — האט איבער גע׳חזר׳ט מיין וועג ווייזער.

אונזער פוטבאל־פלאץ איז דער „בית־מדרש מיט די ישיבה".

דער „אוצר החסד קרן שמואל" גיהט יעדער יודען פון די 124 פאמיליעס אהלואה פון 200 פונט ד. ה. 1000 דאלאר אהן קיין שום פראצענט אויף 20 יאהר אויסצאהל׳ן.

אזוי? אזוי? איז דאך דאס זעהר אגרויסע זאך— זאג איך צו איהם.

איז ווער זאגט אייך, אז „ס׳איז אקליינע זאך" איהר מיינט? אז אויב מיר האבען נושט קיין טבע

צו טומלען אין די צייטונגען אין די גרויסע וועלט—טהוען מיר נישט קיין גרויסע זאכען.

די צרה איז וואס אין דער וועלט האלט מען אונז פאר „בטלנים", אז מיר קענען נור קוועטשין די באנק אין די ישיבה.

ס איז א טעות! אט די 124 פאמיליעס זענען שוין ב"ה איינגעארדענט. יעדער האט די רעכט צו פארבויען נור 1/3 פון פלאץ, די איבעריגע 2/3 געהט אויף אשטיקעל גארטען, פאר עופות, אקוה, ד. ה. ווירטשאפליכע ארבייט און חשי"ת וועט העלפען — זאגט צו מיר מיין וועג וויזער, „די יודען וועלען שוין האבען פון וואנעט צו לעבען", און דער עיקר וואס זיי ווערען שוין צוגעבונדען צו די ערד און קענען ווערען אנגערופען „אגעזונדטער ישוב". אדער—אישוב אויף געזונדטע יסודות.

איהר פארשטעהט? רופט זיך אפ צו מיר מיין וועג־וויזער, וויכטיג איז וואס מיר פון אלטען ישוב זענען מיר ניט געוויינט צו ארבייטען לעבען — און דאס פאדערט ארץ־ישראל.

אונזערע אנגעקומענע זיידעס האבען זיך געוואלגערט אין פינסטערע קעלער'ם — און שטייענדיג האלב הונגעריגע אין סכנה פון לעבען האבען זיי געלייגט די יסודות פון די ערשטע שטעדטלאך אין ירושלים און דעם ארץ־ישראל'דיגן ישוב.

די קליינע פאדערונגען צו „ארץ־ישראל", דאס קענען צופאסען זיך צו די באדינגונגען פון לאנד, האבען די זיידעס אונז איבערגיגעבין בירושה און נור אין דעם איז פארוויקעלט דער גרויסער סוד. וואס מיר פערלאזען ניט דאס לאנד—אפילו

אין די שווערסטע טעג פון אינזער לעבען. מיר האבען אויך ניט פערלאזען „ארץ־ישראל” אין די טעג פון מלחמה און טעג פון הונגער, נויט און קרבנות.

איהר הערט? זאגט צו מיר מיין וועג־ווייזער—מען מיינט, אז דער אלטער ישוב איז באפרידיגט מיט די „חלוקה־שטיצע”. ס'איז א טעות די מעשה,—דעם גרעסטען טהייל אין דעם אלטען ישוב איז שוין שטארק נמאס געווארען דאס „חלוקה־לעבען”.

ווי מיינט איהר? איז טאקע מעגליך דורכפירען די ווירטשאפטליכע פראדוקטיווע פראגע אין דעם אלטען ישוב, פרעג איך מיין וועג ווייזער.

זאלט איהר מיר זיין געזונד, אלע, אלע חלש'ן זיך באזעטצ'ן אויף ערד, מיט וועמען מ'זאל נור נישט ריידען און אין אמת'ן טאקע פאר וואס ניט? דעריבער אז א איד טראגט לאנגע פאות, אלאנגען טלית־קטן און קאפאטע קען ער נישט בעארבייטען זיינע עטליכע דונאם פרדס—אדער אגארטען פון וויינטרויבען, באנאנעס—פארקעהרט אונזערער אאיד פון איאהר 40 איז געזינדטער פון א־25 יאהריגען חלוץ—גאנץ פשוט—דער „יודישער לעבען” האלט איין אין איהם די כחות און מיט וואס קען דאס זיין, חלילה, מאום אז אין א הפסקה'לע פון די ארבייט, למשל, וועט זיך דער זעלבער איד אוועקזעטצ'ן אונטער זיין מאראנצען־ביים און טאקע חאפען אקוק אין א ספר.

היינט ווי גוט און וואויל ס'וועט זיין דעם אידען, דעם תלמיד־חכם, אז ער וועט האבען פון וואנעט צו לעבען און

וועט נישט דארפ'ן אויסקוקען אויף די „חלוקה־פרוטות״, וועלכע פארביטער'ן זיין לעבען.

נישט ווייניג געזעלשאפטען אין דעם לאגער פון אלטען ישוב האבען זיך געגרינדעט מיט'ן ציעל פון באזעטצ'ן די תלמידי־חכמים אויף ערד—געבען זיי עטליכע דונאם באדען, אין וועלכע זיי זאלען קענען געפינען אטהייל פון זייער עקזעסטיענץ.

די אלע געזעלשאפטען—חברות האבען אבער ביז יעצט נים מצליח גיווען, ווייל די „יודישע וועלט״ האט זיך נים אפגערופען אויף דעם אין די נייטיגע מאס.

און דער „אוצר החסד״ וועלכער עס טראגט דעם נאמען פון וועלט־גאון ר' שמואל סאלאנט זצ״ל שטעלט זיך די וויכטיגע אויפגאבע—פון שאפען פאר דעם תלמיד־חכם, דעם ישיבה מאן אאיינגענעם „ווינקעלע״, עטליכע דונם באדען און טרייבען איהם דורך דעם צו ווירטשאפטליכע פראדוקטיווע ארביים.

איהר פארשטעהט ? דערווייל שטעהט דער „אוצר החסד״ אין די „התחלה״ פון די גאנצע שווערע ארבייט, מיט די צייט קען ער זיך אבער אויסגיסען אין אגאר גרייסען באנק, וועלכער ס'וועט איבער־בויען דעם אלטען ישוב אויף אנדערע עקאנאמישע יסודות.

—נו, קומט, זאג איך צו מיין וועג ווייזער, יעצט וויל איך אקארשט אנקוקען אייער „אוצר החסד״, דעם עצם אנשטאלט ווי ער זעהט אוים.

—און גירעכענט האב איך צו טרעפען אגרויסע ביורא.

מיט פיעל איינגישטעלטע, שרייב־טישען מיט ווייכע בייגקלאך, מראמאר שרייב־גיצייג מיט טאייערע בילדער אויף די ווענט און נאך און נאך, ווי אין אונזערע ביורא־צימערן.

איבעראשט בין איך אבער געווארען, אז אריינגייענדיג אין דעם „ועד חכללי" אנשטאלט, האב איך אין אווינקעלע פון ניט קיין איבעריגס גרויס צומערל געטראפען שטייענדיג א יודען, וועלכער ענטפערט די צעהנדליגע געקומענע אויף די הלוואות—געמט און גיהט געלט, גיהט און געמט געלט—אויף אפשוט׳ן שטענדער־טיש, אויף וועלכ׳ן ס׳ליגען בוכהאלטערישע ביכער, קבלות, אלעס אין בעסטען ארדענונג

דאס איז אייער ביורא? זאג איך צו דעם יודען, דעם בוכהאלטער, מיט אשמייכעל:

איהר בויט דאך שטעדט! איהר קעהרט דאך מעשים! אנדערע וואלט׳ן דאך שוין געמאכט כ׳וויים וויפיעל הוצאות.

דאס איז די מעשה — רופט זיך אפ צו מיר דער איד, דער בובהאלטער, וואס בא אונז ווערט אויסגעניצט יעדע פרוטה אויף א תכלית.

מיר קענען טאקע בויען שטעדט און אין ביורא קענען מיר זיטצען אויף א פשוט׳ן בייגקעל און שרייבען פון אפיאסטער־דיג׳ן טינטער טינט.

געשטאנען בין איך פערוואונדערט, צוזעהענדיג די מורא׳דיגע וויכטיגע ארבייט אין דעם קליין צימער׳ל פאר די ירושלים׳דיגע באפעלקערונג, געפינענדיגזיך נור בשעת מעשה אונטער די איינדרוקען פון די נייע שטעדטעל „קרית שמואל".

ווען מיר האבען געלט? ווען אונז וואלט'ן די יודען פון גלות מעהר אונטערגעשטיצט? וואלט'ן מיר שוין פון לאנג באזעצט די ארץ־ישראל'דיגע תלמידי־חכמים אויף דעם פוסטען באדען ארום ירושלים זאגט צו מיר דער איד, דער בוכהאלטער.

צו די שטעדטעל „קרית שמואל" פעהלט אונז נאך אויך געלט, לעת־עתה קענען מיר באזעטצ'ן פון די 124 פאמיליעס נור 50 פאמיליעס—נור וואס? מיר זענען יודען מיט „בטחון" השי"ת וועט העלפען.

וואס איז אייער טהועכץ? פרעגט מיר דער איד, דער בוכהאלטער.

—איך? כ'וויס, מען איז אשטיקעל מחבר, מען שרייבט ביכלאך, אין די צייטונגען, ענטפער איך איהם.

—אזוי? אזוי? — גאנץ פיין, כ'לעבען ס'וואלט גיווען אגרויסער יושר, ווען איהר שרייבט עפעס וועגען אונז, ניט שרייבען קיין גוזמאות, ווייל מיר האבען עס נישט ליעב, נור פשוט, וואס איהר האט גיזעהן מיט אייערע אויגען.

מיר קענען לעת־עתה ניט העלפען מיט הלוואות אין די שטעדטעל „קרית שמואל", וועלכע איהר האט גיזעהן גאנצע 74 פאמיליעס, דאס איז א חשבון פון א 15 טויזענד פונט (74 טויזענד דאלאר) פעהלט אונז אויף באזעטצ'ן די אלע 124 פאמיליעס, די שעהנסטע יודען פון ירושלים, יודען תלמידי־חכמים, וועלכע זענען אצירונג פאר דעם גאנצ'ן יודישען פאלק.

אהן אייך, ר' יוד, האב איך שוין אויך גירעכענט צו בעשרייבען אין די צייטונגען, אדער אין אביכעל בא מיר איז

קיין ספק, אז די יודען פון גלות וועלען אייך העלפען, ווייל באזעטצ'ן די פוסטע בערג פון „יהודה" איז נישט אפריוואט ענין, נור א כלל זאך פון גאנצען יודיש'ן פאלק.

נו, שלום! זייט געזונד, זאג איך צו מיין יודען ס'וועלען זיך זיכער געפינען פיעל יודען אין די גרויסע וועלט, וועלכע ס'וועלען אייך שטיצען איך וועל שוין שרייבען—נור וואס? גיהט מיר אייער דייטליכען אדרעס אויף געלט שיקען—זיי קענען דאך ניט שיקען סתם אין דער וועלט אריין, אאדרעס דארף דאך זיין.

וואס? אונזער אדרעס, גאנץ פשוט.—

אוצר החסד קרן שמואל ירושלים דאס איז ער אין לשון קודש — אין איינגליש איז ער: Ozar Hachesed Keren Shmuel Box. M. S. 28 Jerusalem. Palestine.

גאנץ גוט! גאנץ גוט — נו, שלום! שלום!

געקומען בין איך אהיים גאנץ שפעטליך, ארום 10 דעם זייגער באיינאכט, מיעד, עפעס צובראכען, אבער צופרידען אונטער די איינדרוקען, וואס איך האב אלעס גיזעהן.

די מיעדקייט האט מיר גלייך געבראכט צום געדאנק פון לייגען זיך שלאפען.

איך שלאף און אט זעה איך די נייע שטעדטעלע „קרית שמואל" די נייע דורכגעפיהרטע שאסיי־וועגען, די צושפרייטע איבער'ן פעלד יודישע ארבייטער.

אט הער איך שרייענדיג „בארוך"! „היט זיך"! אט געהט ארויף, אט הער איך דעם אופרייס, אט הער איך

חליפענדיג דעם אלטען שטיין, אט זעה איך שפּראצענדיג די יונג ביימעלע און מיט אמאל בין איך געווארען דערשראקען.—

אזקן אין ווייסען שטעהט נעבען מיר.

ווער? ווער שטעהט עס? האב איך זיך גענומען ווארפען —ווער?

שרעק זיך ניט, מיין קינד, איך! איך! שמואל סאלאנט אויף וועמענס נאמען ס׳איז די נייע שטעדטעל „קרית שמואל“. איך האב מיר געוואלט עפּעס זאגען, נור כ׳קען נישט, עפּעס האט מיר ווי אפּגענומען דער לשון און דערהערט האב איך אין דעם זיין קול.

וואו ביזט דו גיזען היינט? מיין קינד,

אין די נייע שטעדטעלע „קרית שמואל“ האב איך ציטעריג גיענטפערט.

וואס האסט דו גיזעהן? האב איך ווייטער גיהערט זיין קול.

איך האב גיזעהן, זיידע, ווי דער „אוצר החסד“ פיהרט דורך אין לעבען אייער אלטען רעיון פון באזעטצ׳ן די ירושלים׳דיגע תלמידי־חכמים אויף די „הרי־יהודה“.

וואס האסטדו נאך גיזעהן? מיין קינד,

איך האב גיזעהן, גרויסער זיידע, ווי די „הרי־יהודה“, זענען נאך פוסט און ווי די ירושלים׳דיגע תלמידי־חכמים מאטערן זיך, נעבאך, אין די פינסטערע אראבישע קעלערס.

און דערפיהלט האב איך גלייך דעם זיידענס האנד אויף מיין קאפּ און דערהערט האב איך זיין קול:

ד ו ה א ס ט ג ו ט ג י ז ע ה ן! מ י י ן ק י נ ד.

און יעצט געה ארויס צום גאנצ'ן יודישען פאלק אין גלות און גיב איבער, אז זיי זאלען העלפען דעם אנשטאלט, וועלכער עס טראגט מיין נאמען.

זיי זאלען העלפען באזעטצ'ן די תלמידי־חכמים אויפ'ן זויסטען פערלאזענעם באדען פון ארום די הייליגע ירושלים.

זיי וועלען מיר נישט הערען, זיידענקע, זייער הארץ איז ברייט, פעט און פארגעסען האבען זיי ארץ־ישראל.

ג ע ה! מ י י ן ק י נ ד, א י ן מ י י ן נ א מ ע ן, זאג זיי, אז איך קען נישט רוה'ן אין קבר, כל זמן דער באדען פון די „יהודה־בערג" זענען פוסט.

כל זמן די תלמידי־חכמים פון ירושלים, צפת, חברון און טבריה מאטערען זיך אין די פינסטערע קעלער'ס, נישט האבענדיג אונטער זיך קיין געזונדט'ן יסוד פון עקזעסטיענץ.

איך נעם אן די שליחות, זיידענקע, איך געה מארגען פריה געה איך ארויס.

נ י י ן! מארגען פריה איז שפעט, ביז אין דער פריה קענסט דו, מיין קינד, פארגעסען מיינע ווערטער.

— ש ו י ן! א ו ן נ ו ר ש ו י ן!

און אראפגעחאפט האב איך זיך פון בעט, נישט טויט נישט לעבעדיג, צוגעלאפען צו מיין קליין שרייב־טישעל, אנגעצונדען דעם פינפער לעמפעל, געלאפען איז שנעל די פעדער אויפ'ן פאפיער און אז זי האט זיך אפגעשטעלט — האב איך דערזעהן פאר מיינע אויגען די אלע געשריבענע שורות.

פון א׳ צ׳ ברעזין

ס'איז ערשיינען:

1) צום 15־טען ציוניסטישען קאנגרעס: איבער די סבות פון עקאנאמישען קריזיס און וואו איז דער אויסוועג? — — — — — — — 1927
2) איבער די יתומים־פראגע אין ארץ־ישראל — — — — — — — 1929
3) איבער בויען א וועלט־ישיבה אין חברון — — — — — — — 1929
4) אשפאציער אין „קרית שמואל" — — — — — — — — — 1929

סאיז צום ערשיינען:

1) וואס דערצהיילען די זקנים פון ירושלם?
2) ארץ־ישראל מיט 100 יאהר צוריק
3) אווינקעלע פאר יתומות
4) פאר וואס א איד פארט פון ארץ־ישראל?
5) ווי אזוי דארף ארץ־ישראל געבויט ווערען?

שריפטען:

1) זכרונות פון די אלטע היים
2) דער פארשטערטער שבת
3) משה'לע דער החלוץ
4) מאטקע דער משוגענער
5) א ווייב מיט „נערוועז"
6) דער אמעריקאנער טשעק...
7) נעמט אשמעק טאבאק...
8) אמעשה אהן אסוף...
9) אויפ'ן קינד'ס שוועל
10) אין טעג פון טרערען

פאראינטערעסירטע אין די דערמאהנטע אויסגאבען זיך ווענדען: A. Z. Brezin P. O. B. 224 Jerusalem Palestine

בקרוב יופיע:

קובץ מאמרים פובליציסטיים לשאלות שונות בארץ.

חוברת לשאלת הדיוג העברי בארץ־ישראל.